# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

## מיט פֵּרוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

לוח עמוד היומי בזוה"ק – פרשת תצוה

| חלק ט – פרשת פקודי | | |
|---|---|---|
| יום | וילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | רנג ע"א | שצ-שצו |
| שני | רנג ע"ב | שצו-תב |
| שלישי | רנד ע"א | תב-תט |
| רביעי | רנד ע"ב | תט-תיז |
| חמישי | רנה ע"א | תיז-תכג |
| שישי | רנה ע"ב | תכג-תכט |
| שב"ק | רנו ע"א | תכט-תלו |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 120 | פרשת תרומה תשפ"ג

## הרודף ומשתדל לעשות רצון קונו השכינה שורה בו

**אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ** צריך לדעת **מַאי אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, אֶלָּא** צריך (דף קכח ע"ב) **דְּיִתְרְעֵי בֵּיהּ קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** שיתרצה בו הקב"ה כדי להשרות עליו שכינתו, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר** שדוד המלך אמר, **לְךָ אָמַר לִבִּי** לך הקב"ה אני קורא לבי, וכתוב **צוּר לְבָבִי** וחלקי אלהי"ם לעולם, ופירושו כי אלהי"ם הוא חוזק לבבי וחלקי לעולם, ועוד כתוב **וְטוֹב לֵב** משתה תמיד, שפירושו שהקב"ה הנקרא טוב לב שמח תמיד עם ישראל, וכן מש"כ ויאכל בועז וישת **וַיִּיטַב לִבּוֹ** שפירשו חז"ל (רות רבה ה טו) שבירך ברכת המזון ועי"ז הטיב להקב"ה הנקרא לבו, **כֻּלְּהוּ בְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא קָאָמַר** כל אלו הפסוקים שכתוב בהם לב רומזים על הקב"ה הנקרא לב, (כדאיתא בפתיחתא לאיכה רבתי אות ט"ז, א"ר חייא היכן מצינו שנקרא הקב"ה לבן של ישראל, מן הדין קרייא צור לבבי וחלקי אלהי"ם לעולם), **אוּף הָכָא** אף כאן מש"כ מאת כל איש **אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ** פירושו מכל איש אשר יתרצה בו הקב"ה הנקרא לבן של ישראל, **מִנֵּיהּ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי** ממנו תקחו ותמשיכו את השראת השכינה הנקראת תרומה, **דְּהָא תַּמָּן אִשְׁתְּכַח וְלָאו בַּאֲתַר אַחֲרָא** כי באדם כזה נמצאת השכינה ולא במקום אחר.

### אידיש

### ווער עס יאָגט נאָך און שטרענגט זיך אָן צו טון דעם רצון פונעם אויבערשטן, טוט די שכינה רוען אין אים

**עס** שטייט אין פּסוק "אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", דעם וואס זיין הארץ וועט אים באַוויליגן, זאָגט דער זוהר הקדוש, אַז מען דאַרף וויסן וואס מיינט "אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", ענטפערט דער זוהר הקדוש, נאָר, עס דאַרף זיין אַז דער אויבערשטער זאָל באַוויליגן אין אים כּדי צו מאַכן רוען זיין שכינה אויף אים, אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק, אַז דוד המלך האָט געזאָגט "לְךָ אָמַר לִבִּי", אין דיין שליחות זאָגט מיר מיין האַרץ, דאָס מיינט, אַז צו דיר השי"ת רוף איך מיין האַרץ, און נאָך אַ פּסוק שטייט "צוּר לְבָבִי וְחֶלְקִי אֱלֹקִים לְעוֹלָם", דער אויבערשטער איז דער שטאַרקער פון מיין האַרץ און ער איז מיין טייל אויף אייביג, און נאָך אַ פּסוק שטייט "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד", און איינער וואס זיין האַרץ איז אויפגעלייגט דעם איז שטענדיג אַזוי ווי ער איז אין אַ טאָג פון פריילַכע מאָלצייטן, דאָס מיינט אַז דער אויבערשטער וואס ער ווערט אָנגערופן "טוֹב לֵב", פריידט זיך שטענדיג מיט די אידן, און אַזוי אויך דאָס וואס עס שטייט אין פּסוק "וַיֹּאכַל בֹּעַז וַיֵּשְׁתְּ וַיִּיטַב לִבּוֹ", און בּעַז האָט געגעסן און געטרונקען און זיך געמאַכט אויפגעלייגט, און חז"ל ערקלערן דאָס אין מדרש אַז עס מיינט אַז בּעַז האָט געבענטשט בּרכּת המזון נאָכן עסן און דורכדעם האָט ער גוט געמאַכט פאַרן אויבערשטן וואס ער ווערט אָנגערופן "לִבּוֹ", זאָגט דער זוהר הקדוש, אַז די אַלע פּסוקים וואס עס שטייט אין זיי "לֵב", זענען מרמז אויפן אויבערשטן וואס ער ווערט אָנגערופן "לֵב", אַזוי אויך דאָ, דאָס וואס עס שטייט דאָ אין פּסוק "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", פון יעדן מענטש וואס זיין האַרץ וועט אים באַוויליגן, דאָס מיינט, פון יעדן מענטש וואס דער אויבערשטער, וואס ווערט אָנגערופן "לִבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל", דאָס האַרץ פון די אידן, וועט באַוויליגן אין אים, "תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי", זאָלט איר נעמען מיין בּיישטייערונג, דאָס מיינט צו זאָגן, אַז פון אים זאָלט איר נעמען און ממשיך זיין די השראת השכינה וואס ווערט אָנגערופן "תְּרוּמָה", ווייל אין אַזאַ מענטש געפינט זיך די שכינה, און נישט אין אַן אַנדער אָרט.

**וּמְנָא יָדְעִינַן דְּהָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִתְרְעֵי בֵּיהּ וְשַׁוֵּי מְדוֹרֵיהּ בֵּיהּ** ומאין אנו יודעים שהקב"ה רצה בו ושם משכנו בתוכו, **כַּד חָמֵינַן דִּרְעוּתָא דְּהַהוּא בַּר נָשׁ לְמִרְדַּף וּלְאִשְׁתַּדְּלָא אֲבַתְרֵיהּ דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּלִבֵּיהּ וּבְנַפְשֵׁיהּ וּבִרְעוּתֵיהּ** כשאנו רואים שרצונו של זה האדם לרדוף ולהשתדל אחר הקב"ה בלבו ונפשו וברצונו, **וַדַּאי תַּמָּן יָדְעִינַן דְּשַׁרְיָא בֵּיהּ שְׁכִינְתָּא** ודאי מזה אנו יודעים שהשכינה שורה בו, **כְּדֵין בָּעֵינַן לְמִקְנֵי הַהוּא בַּר נָשׁ בְּכֶסֶף שְׁלִים** אז אנו צריכים לקנות את זה האדם בכסף מלא, **לְאִתְחַבְּרָא בַּהֲדֵיהּ וּלְמֵילַף מִנֵּיהּ** להתחבר עמו וללמוד מדרכיו, **וְעַל דָּא קַדְמָאֵי הֲווֹ אָמְרֵי** ועל זה אמרו הראשונים במס' אבות פ"א מ"ו, **וּקְנֵה לְךָ חָבֵר** והיינו **בַּאֲגַר שְׁלִים בָּעֵי לְמִקְנֵי לֵיהּ** בכסף מלא צריך לקנותו, **בְּגִין לְמִזְכֵּי בִּשְׁכִינְתָּא** כדי לזכות בשכינה השורה על חברו, **עַד הָכָא בָּעֵי לְמִרְדַּף בָּתַר זַכָּאָה וּלְמִקְנֵי לֵיהּ** עד כדי כך צריך לרדוף אחר צדיק ולהשתדל בכל יכלתו לקנות אותו לחבר. (דף קכח ע"א-ע"ב, ובביאורינו כרך ז עמ' כח-כט)

## המזכה את החייבים לתשובה, זוכה לכל הטוב בזה ובבא

**אוּף הָכִי הַהוּא זַכָּאָה** כמו כן הצדיק ההוא **בָּעֵי לְמִרְדַּף בָּתַר חַיָּיבָא וּלְמִקְנֵי לֵיהּ בַּאֲגַר שְׁלִים** צריך לרדוף אחר רשע לקנות אותו בכסף מלא, **בְּגִין דְּיֶעֱבַר מִנֵּיהּ הַהוּא זוּהֲמָא** כדי שיעביר ממנו זוהמא ההיא של עונותיו, **וְיִתְכַּפְיָא סִטְרָא אַחֲרָא** ועי"ז יוכנע הסטרא אחרא, **וְיַעֲבִיד לְנַפְשֵׁיהּ** ויעשה ויתקן את נפשו של הרשע, **בְּגִין דְּיִתְחַשַּׁב עֲלֵיהּ כְּאִילּוּ הוּא בָּרָא לֵיהּ** שאז יהיה נחשב לו כאילו הוא בראו, **וְדָא אִיהוּ שִׁבְחָא דְּיִסְתַּלַּק בֵּיהּ יְקָרָא דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יַתִּיר מִשִּׁבְחָא אַחֲרָא** וזהו שבח שיתעלה בו כבודו של הקב"ה יותר משבח אחר, **וְאִסְתַּלְּקוּתָא דָּא יַתִּיר מִכֹּלָּא** וזה ההתעלות הוא יותר מכל, **מַאי טַעֲמָא** מה הוא טעם הדבר **בְּגִין דְּאִיהוּ גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא וּלְאִסְתַּלְּקָא יְקָרָא דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** לפי שהוא גרם להכניע את הסטרא אחרא ולהעלות כבודו של הקב"ה, לפי שכל השפע שלקח הסטרא אחרא מהקדושה ע"י תורתו ומצותיו של זה הרשע, עתה שמחזירו בתשובה מוציא בלעו מפיו ומחזירו אל הקדושה, **וְעַל דָּא כְּתִיב בְּאַהֲרֹן** ועל זה כתוב באהרן, **וְרַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן** הרי שזה היה עיקר מעלתו, **וּכְתִיב בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ** שבשביל זה כרת עמו הקב"ה ברית, ונתן לו את החיים והשלום.

### אידיש

**פְּרֶעגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, און פון וואו וֵוייסְן מִיר אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאוִוילִיגְט אִין אִים און הָאט גֶעלֵייגְט זַיין רוּאוּנְג אִין אִים, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וֶוען מִיר זֶעעֶן אַז דֶער וִוילְן פון דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּ נָאכְיָאגְן און זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען נָאכְן אויבֶּערְשְׁטְן, מִיט זַיין הַארְץ און זֶעל און וִוילְן, וֵוייסְן מִיר זִיכֶער דֶערְפוּן אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין אִים, און דֶעמָאלְטְס דַארְפְן מִיר אַייְנְקוֹיפְן דֶעם מֶענְטְשׁ "בְּכֶסֶף מָלֵא", מִיט דִי פוּלֶע פְּרַייז, און זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיט אִים און זִיךְ לֶערְנֶען פון זַיינֶע וֶועגְן. און אוֹיף דֶעם הָאבְן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲכָמִים גֶעזָאגְט אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת, "וּקְנֵה לְךָ חָבֵר", און קוֹיף דִיר אַיין אַ חָבֵר, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף אִים קוֹיפְן פַאר דִי פוּלֶע פְּרַייז, כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זַיין אִין דִי שְׁכִינָה וָואס רוּט אוֹיף זַיין חָבֵר. פִּירְט אוֹיס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ – אוֹיף אַזוֹי וַוייט דַארְף מֶען נָאכְיָאגְן נָאךְ אַ צַדִּיק און זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיטְן גַאנְצְן מֶעגְלִיכְקַייט אִים אַיינְצוּקוֹיפְן פַאר אַ חָבֵר.

#### וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה דִי זִינְדִיגֶע צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶעם גוּטְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אָט דֶער צַדִּיק, אַז עֶר דַארְף נָאכְיָאגְן נָאכְן רָשָׁע, אִים צוּ קוֹיפְן פַאר דִי פוּלֶע פְּרַייז, כְּדֵי אַז עֶר זָאל אַוֶועקְפִירְן פון אִים דִי זוּהֲמָא פון זַיינֶע זִינְד, און דוּרְכְדֶעם וֶועט דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּנְטֶערְטֶענִיגְט וֶוערְן, און עֶר וֶועט טוּן און מְתַקֵּן זַיין דֶעם נֶפֶשׁ פוּנֶעם רָשָׁע, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶס גֶערֶעכְנְט וֶוערְן פַאר אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אִים בַּאשַׁאפְן, און דָאס אִיז אַ לוֹיבּ מִיט וָואס עֶס וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן דֶעם כָּבוֹד פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן מֶער וִוי דוּרְךְ אַן אַנְדֶער לוֹיבּ, און דֶער דֶערְהוֹיבְּנְקַייט אִיז מֶער וִוי אַלֶעם. פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וָואס אִיז דֶער טַעַם פון דֶער זַאךְ, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וַוייל עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען צוּ אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דֶעם סִטְרָא אַחֲרָא און צוּ דֶערְהֵייבְּן דֶעם כָּבוֹד פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, וִוייבַּאלְד דֶער גַאנְצֶער שֶׁפַע וָואס דִי סִטְרָא אַחֲרָא הָאט גֶענוּמֶען פון דִי קְדוּשָּׁה דוּרְךְ דִי תּוֹרָה און מִצְוֹת פון אָט דֶעם רָשָׁע, אִיז יֶעצְט, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אִים מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דָאס אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶענֶע פוּנֶעם מוֹיל פון דִי סִטְרָא אַחֲרָא און עֶר קֶערְט אִים צוּרִיק צוּ דִי קְדוּשָּׁה, און דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶועגְן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, "וְרַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן", און אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר צוּרִיקְגֶעקֶערְט פון זִינְד, זֶעעֶן מִיר אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מַעֲלָה פון אַהֲרֹן, און נָאךְ אַ פָּסוּק שְׁטֵייט "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ", מַיין בּוּנְד אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים, אַז דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט מִיט אִים אַ בּוּנְד, און הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דָאס לֶעבְּן און דָאס פְּרִידְן.

**תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא** בא וראה כל מי שאוחז ביד רשע ומשתדל עמו שיעזוב את דרך הרע, **אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא** הרי הוא עולה בג׳ עליות מה שאינו עולה אדם אחר ע״י מצות אחרות, א׳ **גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא** הוא גורם להכניע את הסטרא אחרא תחת הקדושה ולהוציא בלעו מפיו, ב׳ **וְגָרִים דְּיִסְתַּלַּק קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ** וגורם שיתעלה הקב״ה בכבודו, כי כבוד גדול הוא למלך כשבנו שנשבה אצל עבדי מלך הכושי ובא אחד ופדאו והחזירו אל אביו המלך, ג׳ **וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא** וגורם לקיים את העולם בקיומו למעלה ולמטה, כי כשהמלך בשמחה וברצון טוב על עבדיו על ידי התעלות שמו הוא מטיב לכולם, **וְעַל הַאי בַּר נָשׁ כְּתִיב** ועל אדם זה כתוב **בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ** פי׳ ברית קיום העולם הוא על ידו לפי שרבים השיב מעון, לכן שכרו יהיה **הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם** שהקב״ה יתן לו חיים ושלום, **וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי** ויזכה לראות בנים לבניו, **וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא** וזוכה לעשירות בעולם הזה, **וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי** וזוכה לעולם הבא, **כָּל מָארֵי דִּינִין לָא יָכְלִין לְמֵידַן לֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא** כל בעלי דינים אינם יכולים לדונו בעולם הזה, **וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ** ובעולם הבא הרי הוא נכנס בי״ב שערי הרקיע ואין מי שימחה בידו, ואפשר שהם י״ב שערי היכלי הג״ע שהם זה לפנים מזה, ששם יושבים בעלי מקרא לחוד, בעלי משנה לחוד וכאלו רבים, וזה האיש יהיה לו רשות להשתעשע עם כולם, ולהכנס עד היכל הי״ג להתענג עם אותם היושבים לפני ולפנים, **וְעַל דָּא כְּתִיב** ועל זה האדם כתוב **גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ** היינו שיזכה לראות בנים לבניו, **הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ** בעולם הזה, **וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד** לעולם הבא, **זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים וְגוֹ׳** היינו בחשכות הדין יזרח עליו אור הרחמים שלא יוכלו בעלי הדינים לדון אותו.

(דף קכח ע״ב, ובביאורינו כרך ז עמ׳ ל-לא)

## אידיש

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, קוּם אוּן זֶע, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הַאלְט אָן אִינֶעם הַאנְט פוּן דֶעם רָשָׁע אוּן שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן מִיט אִים אַז עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם שְׁלֶעכְטְן וֶועג, טוּט עֶר דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן מִיט דְרַיי עֲלִיּוֹת, וָואס אַן אַנְדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִישְׁט דֶערְהוֹיבְּן דֶערְצוּ דוּרְךְ אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, א׳, עֶר אִיז גּוֹרֵם צוּ אוּנְטֶערְטֶעניְגְן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּנְטֶער דִי קְדוּשָּׁה אוּן אַרוֹיסְצוּצִיעֶן דָאס אַייְנְגֶעשְׁלִינְגֶענֶע פוּן זַיין מוֹיל, ב׳, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן מִיט זַיין כָּבוֹד, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסְן כָּבוֹד פַאר'ן קֶעניְג, וֶוען זַיין זוּן, וָואס אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן בַּיי דִי קְנֶעכְט פוּנֶעם שְׁוַוארְצְן קֶעניְג, אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּן הָאט אִים צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּ זַיין טַאטְן דֶער קֶעניְג, ג׳, אוּן עֶר אִיז גּוֹרֵם צוּ אוֹיפְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, וַוייל וֶוען דֶער קֶעניְג אִיז בְּשִׂמְחָה אוּן מִיט אַ גוּטְן ווִילְן אוֹיף זַיינֶע קְנֶעכְט, דוּרְכְדֶעם וָואס זַיין נָאמֶען וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן, טוּט עֶר גוּטְס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ", מַיין בּוּנְד אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים, דָאס הֵייסְט אַז דָאס בּוּנְד פוּן דֶער עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן דִי וֶועלְט אִיז דוּרְךְ אִים, ווִיבַּאלְד "רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן", עֶר הָאט צוּרִיקְגֶעקֶערְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן צוּ זִינְדִיגְן, דֶערִיבֶּער וֶועט זַיין שְׂכַר זַיין, "הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם", אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים גֶעבְּן דָאס לֶעבְּן אוּן דָאס פְרִידְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ רַייכְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, אוּן אַלֶע בַּעֲלֵי דִינִים קֶענֶען אִים נִישְׁט דָן זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט גֵייט עֶר אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּנֶעם הִימְל אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן. מֶעגְלִיךְ מֵיינְט דָא דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן דִי הֵיכְלֵי הַגַּן עֵדֶן, וָואס דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען אֵיינְס מֶער אִינֶעוֵוייניְג פוּנֶעם אַנְדֶערְן, וָואס דָארְטְן זִיצְן בַּאזוּנְדֶער דִי בַּעֲלֵי מִקְרָא, אוּן בַּאזוּנְדֶער דִי בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען דָא אַסַאךְ מַדְרֵגוֹת, אֵיינְס הֶעכֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אָט דֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ הָאבְּן פַארְגֶעניְגְן מִיט זֵיי אַלֶע, אוּן עֶר הָאט עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אַרַיינְצוּגֵיין בִּיזְן דְרַייצֶנְטְן הֵיכָל, אוּן הָאבְּן פַארְגֶעניְגְן מִיט דִי וָואס זִיצְן גָאר אִינֶעוֵוייניְג, אוּן אוֹיף אָט דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ", אַ שְׁטַארְקֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער זַיין, עֶר הָאט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער דוֹר מִיט רֶעכְטְפַארְטִיגֶע קִינְדֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייטֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק "הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ", פַארְמֶעגְן אוּן רַייכְקֵייט וֶועט זַיין אִין זַיין הוֹיז, דָאס מֵיינְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד", אוּן זַיין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, דָאס מֵיינְט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, "זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים וְגוֹ'", עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אַ לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי רֶעכְטְפַארְטִיגֶע, זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ פוּנֶעם דִין, וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן רַחֲמִים, אַז דִי בַּעֲלֵי הַדִּינִים וֶועלְן אִים נִישְׁט קֶענֶען דַן זַיין.

## טעם אמירת קדושא דסדרא בלשון ארמי

**בִּקְדוּשָּׁתָא דָא** בקדושה זו של ובא לציון, **בָּעֵינַן לְאִסְתַּמְּרָא וּלְאַגְנְזָא לָהּ בֵּינָנָא** צריכים אנו להשמר ולהסתיר אותה בינינו, ר״ל בשביל הקדושה העליונה היורדת מלמעלה אנו צריכים להסתירה ולהלבישה בלשון תרגום שאין המלאכים נזקקים לו לפי שהוא לשון ארמי, ועי״ז לא יתקנאו בנו, ולכן מיד אחר לשון הקודש אומרים את התרגום, **בְּגִין דְּנִתְקַדֵּשׁ גּוֹ קְדוּשָּׁה בְּרֵישָׁא וּבְסוֹפָא** כדי שנתקדש בקדושה בתחילה בקדושת יוצר, ובסוף בקדושת ובא לציון, **יַתִּיר מֵאִינּוּן קְדוּשָּׁן דְּאָמְרֵי בַּהֲדָן מַלְאֲכֵי עִלָּאֵי** יותר מהקדושה שמלאכי מעלה אומרים עמנו, שהיא קדושת העמידה, שאז ישראל מקדימים לומר קדושה ומלאכי מעלה מקדשים עמהם, ומפרש הטעם ואומר כי **קְדוּשָּׁה דַּאֲנַן מְקַדְּשֵׁי בִּשְׁבָחָא דַּאֲנַן מְשַׁבְּחָן לְמַלְאֲכֵי עִלָּאֵי** הקדושה שאנו מקדשים ביוצר היא השבח שאנו משבחים למלאכי מעלה, שהם אומרים הקדושה בשפה ברורה ונעימה, קדושה כולם כאחד עונים באימה ואומרים ביראה, קדוש קדוש וגו׳, וזהו כעין שוחד דברים אליהם, **וּבְגִין שְׁבָחָא דָא שַׁבְקִין לָן לְמֵיעַל גּוֹ תַּרְעֵי עִלָּאֵי** ובשביל שבח זה מניחים אותנו ליכנס בתוך שערים העליונים של היכלי עולם הבריאה שעולים בהם בברכת יוצר, **וְעַל דָא אֲנַן אָמְרִין קְדוּשָּׁה דָא** (דף קכט ע״ב) **בְּלָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ** ועל כן אנו אומרים שבח זה בלשון הקדש, שהוא הלשון שהמלאכים משתמשים בו, ולא אומרים אחריו את התרגום כמו בקדושת ובא לציון, לכן **וְשַׁבְקִין לָן בִּרְחִימוּ לְמֵיעַל תַּרְעִין דִּלְעֵילָּא** מניחים אותנו באהבה ליכנס בברכת יוצר תוך השערים העליונים ולעלות בהיכלות זה אחר זה, **מִגּוֹ דַּאֲנַן מְשַׁבְּחִין לוֹן בְּסִדּוּרָא דִּלְהוֹן** מתוך שאנו משבחים אותם בסדר שלהם, **וּבְגִין כָּךְ אֲנַן נָטְלִין קְדוּשָּׁן יַתִּיר** ובשביל זה אנו נוטלים ומקבלים קדושה יתירה, **וְעָאלִין תַּרְעִין עִלָּאִין** ונכנסים בשערים העליונים של היכלי עולם הבריאה. (דף קכט ע״א-ע״ב, ובביאורינו כרך ז עמ׳ מ-מב)

### אידיש

### דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען זָאגְט קְדוּשָׁא דְסִדְרָא אוֹיפְן אַרַאמִישְׁן שְׁפְּרַאךְ

**זָאגְט** דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, בַּיי דִי קְדוּשָׁה פוּן ״וּבָא לְצִיּוֹן״, דַארְפְן מִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן עֶס בַּאהַאלְטְן צְווִישְׁן אוּנְז, דָאס מֵיינְט אַז צוּלִיבּ דִי קְדוּשָׁה עֶלְיוֹנָה וָואס קוּמְט אַרָאפּ פוּן אוֹיבְן, דַארְפְן מִיר אִיר בַּאהַאלְטְן אוּן מַלְבִּישׁ זַיין אִין תַּרְגּוּם־לָשׁוֹן וָואס דִי מַלְאָכִים בַּאצִיעֶן זִיךְ נִישְׁט דֶערְצוּ וְוייבַּאלְד עֶס אִיז דֶער אַרַאמִישֶׁער שְׁפְּרַאךְ, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוּנְז נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין, אוּן דֶערִיבֶּער גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ זָאגְן מִיר דֶער תַּרְגּוּם, כְּדֵי מִיר זָאלְן צוּם עֶרְשְׁט הֵיילִיג וֶוערְן מִיט דִי קְדוּשָׁה אִין אָנְהֵייבּ, בַּיי דִי קְדוּשָׁה פוּן יוֹצֵר, אוּן בַּיים סוֹף, בַּיי דִי קְדוּשָׁה פוּן וּבָא לְצִיּוֹן, נָאכְמֶער וִוי דִי קְדוּשָׁה וָואס דִי מַלְאֲכֵי מַעְלָה זָאגְן מִיט אוּנְז, וָואס דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וָואס דֶעמָאלְטְס זָאגְן דִי אִידְן קְדוּשָׁה צוּם עֶרְשְׁט אוּן דִי מַלְאֲכֵי מַעְלָה זָאגְן קְדוּשָׁה צוּזַאמֶען מִיט זֵיי. עֶרְקְלֶערְט דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דֶער טַעַם דֶערְפוּן אִיז, וַוייל דִי קְדוּשָׁה וָואס מִיר זָאגְן בַּיי יוֹצֵר דָאס אִיז דֶער לוֹיבּ וָואס מִיר לוֹיבְּן צוּ דִי מַלְאֲכֵי מַעְלָה, אַז זֵיי זָאגְן דִי קְדוּשָׁה ״בְּשָׂפָה בְרוּרָה וּנְעִימָה, קְדוּשָׁה כֻּלָּם כְּאֶחָד עוֹנִים בְּאֵימָה וְאוֹמְרִים בְּיִרְאָה, קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ וְגוֹ׳״, מִיט אַ קְלָארֶע אוּן אַנְגֶענֶעמֶע שְׁטִימֶע, קְדוּשָׁה עֶנְטְפֶערְן זֵיי אַלֶע צוּזַאמֶען מִיט אַ צִיטֶערְנִישׁ, אוּן זֵיי זָאגְן מִיט פָארְכְט, ״קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ וְגוֹ׳״, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז הֵיילִיג אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז הֵיילִיג אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד. אוּן דָאס אִיז אַזוֹי וִוי שׂחַד פוּן וֶוערְטֶער צוּ דִי מַלְאָכִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם לוֹיבּ לָאזְן זֵיי אוּנְז אַרַיינְגֵיין אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טוֹיעֶרְן פוּן דִי הֵיכָלוֹת פוּנֶעם עוֹלָם הַבְּרִיאָה, צוּ וֶועלְכֶע מִיר גֵייעֶן אַרַיין בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן יוֹצֵר, אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר דֶעם לוֹיבּ אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, דִי שְׁפְּרַאךְ מִיט וָואס דִי מַלְאָכִים בַּאנִיצְן זִיךְ, אוּן מִיר זָאגְן נִישְׁט דֶעם תַּרְגּוּם דֶערְנָאךְ אַזוֹי וִוי בַּיי דִי קְדוּשָׁה פוּן וּבָא לְצִיּוֹן, אוּן דֶערְפַאר לָאזְן זֵיי אוּנְז מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַרַיינְגֵיין אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טוֹיעֶרְן אוּן אַרוֹיפְגֵיין אִין דִי הֵיכָלוֹת אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן, בַּא בִּרְכַּת יוֹצֵר וְוייבַּאלְד מִיר לוֹיבְּן זֵיי מִיט זֵייעֶר סֵדֶר, אוּן דֶערִיבֶּער נֶעמֶען מִיר אוּן מִיר בַּאקוּמֶען פִיהל מֶער קְדוּשָׁה, אוּן מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טוֹיעֶרְן פוּן דִי הֵיכָלוֹת פוּנֶעם עוֹלָם הַבְּרִיאָה.


צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ״ ע״פ ״מָתוֹק מִדְּבָשׁ״ הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער
(In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

״ובלכתך בדרך״
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר׳ יוסף צבי
בערגער
(In 6.5/4.5)


פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com